

# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

## פראגע

**וואס איז דער בעסטער מעטאד וויאזוי צו מקרב זיין יונגע מענטשן – און אפילו אונזערע אייגענע קינדער – צו באוואוסטזיניגקייט אינעם אויבערשטן, און צו האבן די כוחות בייצושטיין נסיונות?**

## ענטפער:

**דער** בעסטער מעטאד איז זיי צו לערנען חומש; זיי צו לערנען רש"י; צו לערנען תנ"ך און גמרא. ווייל דארט ליגט אלע ערפארונגען פון אלע דורות. אלעס איז דארט.

איר דארפט וויסן, אזוי ווי רש"י ערקלערט, אז אברהם איז געווען א קליין יונגל און זיין טאטע איז געווען א ביזנעסמאן וואס האט פארדינט געלט דורכ'ן פארקויפן געטשקעס. יעצט מיר זענען אזוי צוגעוואוינט צו די מעשה, אז מיר פארגעסן זיך אפצולערנען פון דעם. אברהם איז געווען א קינד וואס זיין טאטע האט פארקויפט געטשקעס, און ער איז אויסגעוואקסן אברהם?!

שטעלט אייך פאר א קינד אין אשקאש, וויסקאנסין, און לאמיר זאגן זיין טאטע ארבעט אין א קירכע; דער יונגל אין אשקאש האט אזויפיל שאנסן צו ווערן א פרומער איד ווי א שניי-באל אין אן אויוון... אבער דאך האט אברהם עס דורכגעמאכט; נישט בלויז האט ער עס דורכגעמאכט נאר ער האט גאר געזיגט. אויף אזוי ווייט אז אפילו די גוים פלעגן זיין גליקליך צו רופן זייערע קינדער 'עיברעהעם'. עיברעהעם לינקאלן און איבראהים פאשא. איבעראל ארום די וועלט האבן גוים גערופן זייערע קינדער אברהם.

אויב אזוי דארפן מיר לערנען דעם לימוד וויאזוי צו מקרב זיין מענטשן צו אידישקייט, פון אברהם. אברהם האט געלערנט מענטשן אז עס איז דא א באשעפער.

לאמיר זאגן איר ברענגט יונגלעך אין אייער הויז שבת נאכמיטאג – אדער אויב זענט איר א פרוי, ברענגט איר מיידלעך – און איר הייבט אן מיט'ן זיי פיטערן פינאטס (ערד-נוס) און קוכן און אנדערע זאכן. און בשעת זיי זיצן און קייען די גוטע זאכן, פרעגט איר זיי: "איר ווייסט וועמענ'ס דאס איז?"

"ס'איז דיינס!" – זאגן זיי. "א דאנק."

"ניין" זאגט איר, "עס איז נישט מיינס. איך קען נישט מאכן קיין פינאטס; אין מיין לעבן וואלט איך נישט געקענט באשאפן פינאטס. קוקט ווי וואונדערליך דאס איז. איר ווייסט אז די פינאט האט אינעווייניג צוויי חלקים ארומגענומען מיט אן איינפאק-פאפיר זיי צו האלטן זויבער פון שטויב.

און די פינאט האט א רוקנביין. ווייזט זיי וויאזוי איר דרוקט אינדערמיט און עס עפנט זיך אויף צוויי גלייכע האלבן; עס איז געמאכט עס צו עפענען. ס'איז פונקט ווי די קענדי פעקלעך אדער ציגארעטן פעקלעך; מען גיבט א שלעפ א שטריקל און עס עפנט זיך אויף.

איר ווייזט עס זיי און איר זאגט, "איך וואלט נישט געקענט מאכן אזא זאך. עס איז נישט מיינס. די פינאט באלאנגט צו דעם וואס האט עס באשאפן."

אזוי טוט איר פונקט ווי אברהם האט געטון.

און זאגט, "ברוך", און אלע קינדער זאגן מיט מיט דיר "ברוך". און אלע צוזאמען זאגן "ברוך אתה ה', מיר דאנקען דיר באשעפער, וואס האט באשאפן די אלע זאכן."

דאס איז וואס אברהם האט געטון מיט זיינע געסט. ער איז נישט ארויסגעקומען מיט א חומש און געזאגט "גלייבט אינעם בורא!" ניין, ער האט זיי ארויסגענומען אין גארטן און ער איז געשטאנען איבער זיי און זיי געגעבן צו עסן געשמאקע פרוכטן און ווען זיי האבן אים געוואלט דאנקען האט ער געזאגט "עס איז נישט מיינס."

האבן זיי געזאגט "עס איז נישט דיינס? וועמענ'ס איז עס?" און ער האט געוויזן אויף ארויף. האבן זיי געפרעגט "וואס איז דארט? מיר זעען גארנישט."

און ער האט אנגעהויבן רעדן צו זיי. ער האט געזאגט, "אויב איר טרעפט א זייגער, וועט איר זאגן אז די זייגער האט זיך אליינס געמאכט? קען א זייגער זיך אליינס מאכן? קען א מאראנץ זיך אליינס מאכן? א מאראנץ איז א מייסטערווערק סך מער ווי א זייגער. א זייגער אין פארגלייך צו א מאראנץ איז ווי א שטיין; עס איז גארנישט מיט נישט."

א מאראנץ איז פול מיט חכמה. די איינפאק פונעם מאראנץ,

די קאליר פון אינדרויסן, מיט די ווייסע הויט אויף די אנדערע זייט שאלעכטס. און די קערנדלעך זענען אינעווייניג; עס איז אזוי ווי די פעקלעך פון סיריעל – ווען מען ענדיגט עס עסן טרעפט מען אינעווייניג א טיקעט וואס ערלויבט דיר צו קויפן נאך א פעקל אומזיסט. ווען מען עסט אויף א מאראנץ, בלייבט דארט די קערנדלעך; מען שפייט אויס די קערנדלעך אויף דער ערד און א נייע בוים וועט ארויסוואקסן. דאס איז וויאזוי אברהם האט גערעדט צו זיינע געסט.

אזוי איז מען מקרב מענטשן. באכילה ובשתיה, מיט עסן און מיט טרונקען; נישט בלויז מיט רעדן טעארעטיש. מען דארף האבן א געשמאקע פארברענג צו נאנט ברענגען מענטשן צו אידישקייט.

און וויאזוי קענט איר אויסלערנען א קינד בייצושטיין נסיונות? צו דעם דארפט איר אויך די לימודים פון די חומש. אבער מען דארף האבן א רבי וואס האט א הארץ; נישט סתם א רבי וואס ארבעט פאר זיין געהאלט. מען דארף האבן א רבי וואס לעבט מיט די השקפות. דער רבי וועט מאכן אז די זאכן וואס מען לערנט זאלן ברענגען א חיות אין די נשמות פון די קינדער און פון די קינדער וועלן ווערן אברהם'לעך און שרה'לעך. (# 423)

## פראגע

**פארוואס איז דא אזויפיל אומצופרידנהייט און אומרואיגקייט אויף דער וועלט? פארוואס זוכן מענטשן אלעמאל ארומצופארן? פארוואס איז קיינער נישט צופרידן מיט וואס ער האט? אייביג זוכט מען פאר עפעס מער אדער עפעס אנדערש?**

## ענטפער:

**עס** איז דא אן אומצופרידנהייט אין די מענטשהייט; דאס איז א יסודות'דיגע אייגנשאפט פון זיין נשמה. ווייל מענטשן **בענקען** פאר **'עפעס'**, דער מענטש זוכט עפעס, ער איז א **מבקש**! יעדער מענטש האט א בענקשאפט אין זיין הארץ פאר די פארבארגעניש. דאס איז די סיבה פארוואס מענטשן נעמען אונטער עקספלאראציעס, זיי רייזן צו די ווייטסטע עקן פון דער ערד און זיי ליידן פון אלע סארט טוישונגען.

וואס איז זייער ציל? עס קומט ווייל עס איז דא א **בענקשאפט** אינעם מענטש פאר עפעס וואס ער קען נישט טרעפן, און דער בענקשאפט איז באמת די גליסטעניש צו טרעפן הקדוש ברוך הוא. ער ווייסט עס נישט, אבער דאס איז דער סוד.

דער אויבערשטער איז דער סאמע פארבארגעניש. וואו איז ער? מען דארף נישט גיין צו די שניי-באדעקטע הימאלייען בערג, אדער צו די מדבריות פון גאובי. ניין. ער איז אט דא! אבער די מיסטעריע דארף ווערן אונטערזוכט, מען דארף אים זוכן סיי-וואו מען איז, אבער ער איז **אט דא!**

און דאס איז דער גרויסער זוכעניש פון די מענטשהייט. דו וועסט קיינמאל נישט זיין צופרידן, קיין חילוק ווי ווייט דו וועסט רייזן, און נישט קיין חילוק וויפיל זאכן דו וועסט קויפט מיט דיין געלט. **גארנישט** וועט נישט אפשטילן דיין בענקשאפט אין דיין נשמה, חוץ אויב דו אנטדעקסט וואס דו זוכסט באמת.

## פראגע

**פארוואס דערמאנט איר קיינמאל נישט די מקורות פון אייערע געדאנקען, צי זיי קומען פון רבי שמחה זיסל (מקעלם) אדער פון רבי נתן צבי פינקל פון סלאבאדקע אדער פון רבי אייזיק שעהר?**

## ענטפער:

**דער** ענטפער איז אז איך וויל נישט ארויפלייגן אויף די גרויסע מענטשן מיינע פעלערהאפטיגע אויסדרוקן אדער מיינע פעלערהאפטיגע ערקלערונגען.

צומאל קען זיין אז איך זאג נישט ריכטיג נאך, במילא פארוואס זאל איך זיי באשולדיגן? אבער מער ווייניגער שטאמען די געדאנקען פון יענע גרויסע לייט און אויך פון די חובת הלבבות און פון נאך ספרים.

עס איז אבער אזוי ווי רעגן. די רעגן קומט אראפ אויף דער ערד און עס גייט פארלוירן. נאך א ווייליע קומט עס ארויס פון ערגעצוואו אלס א טייכל, און די טייכל איז שטאלץ אז ער איז דער ערפינדער פון די פרישע וואסער. מען פארגעסט אז עס איז באמת רעגן, אז אייגנטליך איז אלעס געקומען פון די רעגן וואס איז אראפגעפאלן ערגעץ.

אלזא, סיי-וואס איר הערט אויף דעם פלאץ איז געזאגט געווארן דורך יענע גרויסע מענטשן, נאר איך האב פארגעסן דעם מקור. און די אומריכטיגע זאכן זענען געזאגט געווארן דורך מיר אליינס. (# 314)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
**א וואך**
**מועדים $3**

## בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

## זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

## אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק











צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב